# אָנטאָבער

## ליטעראַטור און קריטיק

### אינהאַלט:


ל׳ חיין: ענטפערט יידיש | י׳ צ׳ שארגעל: אויף גאסן פון דער וועלט (ליד) | אברהם בליי: א פלאן פארן יידישן בוך | ד״ר ב׳ שטילמאן: דער גוי איז טריף׳ אבער דער גראשן איז כשר | יעקב שטאל: לאמיר אוועקגיין פון זיי (ליד) | מ׳ מ׳ מואבבענזאר: שעה נאך שעה רינט אוים (ליד) | אהרן קאווע: אין רעגן צייט | ג׳ כאדעם: א דו קודלאטע וועלט (ליד) | דניאל לייבל: דאס רויע גליק (ליד) | אויפן יידישן ביכער מארק אין א״י׳ נאך א ציגל: ל׳ ח׳ | פארנאכטן: ג׳ כ׳ | נאטיצן.



HARVARD UNIVERSITY LIBRARY MAR 1972



פארלאג

«אין צוים»

תל־אביב

תל־אביב, אקטאבער 1931

# אקטאבער

## ליטעראַטור און קריטיק


פארלאג «אין צוים» – תל אביב

רעדאקטירט – אברהם בלײ

תל-אביב | אקטאבער | 1931


ל. חיין / חיפה

## ענטפערט יידיש!!!

מיר שטייען איצט פאר א וויכטי־קער געשעעניש אין ארץ־ישראל. די רעגירונג פירט דורך–א פאלקס־ציילונג אין גאנצן לאנד. ניט דא איז דער פלאץ זיך אפצושטעלן אויף די צילן פון דער איצטיקער פאלקס ציילונג, אויף איהרע רעזולטאטן, אויף די כונות וואס די דאזיקע פאלקס ציילונג האט...

פאר אונדז די פריינט, און פאר־קעמפער, פון יידישן ווארט אין א״י שטייט א ספעציעלע אויפגאבע, וואס איז פארבונדן מיט דער פאלקס ציילונג – דאס איז אפהיטן דאס רעכט פון דער יידישער שפראך, אין ווארענען דער ברייטער עפנטלעכקייט פון אפאר־אויס באשטימטן געפעלשטן איינדרוק און רעזולטאט וואס די פאלקס־ציילונג וועט געבן אין באצוג צו דער שפראכן פראגע אין א״י.

מיר אין א״י ווייסן פארויס אז מאסן פון די וואס געברויכן ניט העברייאיש, מאסן פון די וואס זייער מוטער און אומגאנגס־שפראך איז יידיש,–וועלן דעמאנסטראטיוו ענטפערן אין פראגע בויגן אז זייער מוטער שפראך איז העברייאיש ווייל אזוי וועט זיי דיקטירן זייער שאוועניסטיש יידיש־פרעסערשע־אסימילאטארישע – פסיכא־לאגיע, פאר זיי, פאר די ציוניסטיש־העברייאיסטישע צאן קדושים – איז די פראגע פון שפראך אין א״י ניט קיין פראגע פון וויסנשאפט, אדער אמת, נייערט א פראגע פון א פאליטישער דעמאנסטראציע כלפי דעם „זשארגא־נישן" גלות–און כלפי דעם בריטישן מושל.

דעריבער ווארענען מיר פארויס דער ברייטער עפנט־לעכקייט פון דער וועלט: – נעמט ניט פאר ערנסט, נעמט ניט פאר אמת די רעזולטאטן פון דער פאלקס ציילונג

## נאטיצן

**לכבוד צוויי ערשינענע ביכלעך**

די יידישע שרייבער און א גרופע פריינט פון יידישן ווארט אין תל־אביב האבן לעצטנס געפייערט ביי צוויי באזונדערע אוונטן דאס דערשיי־נען פון צוויי יידישע ביכלעך: «א חתונה אין קאטרא» פון יעקב שטאל און «פארנאכטן» פון ליובע וואסערמאן. דער ערשטער אוונט איז געווען איינ־געארדנט פון פארלאג «אין צוים» און דער צווייטער פון «יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין א״י».

די דיכטער זענען באגריסט געווארן פון ד״ר ישראל רובין, דניאל לייבל, אברהם בלײ, ד״ר נ. ראפאלקעס, ב. אסטראווסקי און אנדערע. די דיכטער האבן אויך געהאט דאס ווארט. די אוונטן זיינען געווען היימישע און זייער אינטערעסאנט.

**ערשינען «דריי»**

ביים יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין א״י איז דער־שינען א זאמלהעפט פאר ליטעראטור, און קולטור מיטן נאמען «דריי» דער נומער איז זייער א רייכער. עס באטייליקן זיך אין אים מיט בעלעט־ריסטישע און פובליציסטישע ארבעטן: יעקב שטאל, פאפירניקאוו, א. ריוועס, א. קאווע, ל. חיין, ש. לאקס, מאטל וועקסלער, אברהם בלײ, ד״ר נ. ראפאל־קעס, י. רובין, ב. אס־ווסקי, א. שאווסקי, ד. ל.

**קאנפערענץ פון יידישע זשורנאליסטן אין לאנד.**

מער ווי אומעטום ליידט איצט דער יידישער זשורנאליסט אין א״י די סיבות זענען פארשיידן. אויסערלעכע און אסך אינערלעכע סיבות האבן געבראכט דעם יידישן זשורנאליסט צו זייער א טרויעריקן מצב, כדי צו פאר־בעסערן די לאגע האט זיך געגרינדעט אן איניציאטיוו גרופע פון ירושלים מיט פריינט ב. קאראלניק אין דער שפיץ, וועלכע רופט צענויף א קאנפע־רענץ פון די פראפעסיאנעלע זשורנא־ליסטן כדי געמיינשאפטליך צו זוכן וועגן צו פארבעסערן די לאגע.

**ליובע וואסערמאן אפ־געפארן אין סאוועטן פאר־באנד.**

די יונגע דיכטערן ליובע ווא־סערמאן, וועלכע האט פארבראכט אין א״י מער ווי 6 יאר איז לעצטנס אפ־געפארן אין סאוועטן פארבאנד. א גרופע פריינט און חברים האבן איר איינגעארדנט אן אפשידס אוונט, וואו ס׳איז אויסגעדריקט געווארן דער ווונש זי זאל אין דעם נייעם לאנד פארט־זעצן איר ליטערארישע ארבעט.

**פארלאג «בית יעקב» פון לאדזש גיט ארויס א יידיש ביכעלע אין תל־אביב.**

דער פארלאג פון די קלעריקאלן אין לאדזש «בית יעקב» האט ארויס־געגעבן אין תל־אביב א ביכעלע: מיניאטורן פון וו. לייכטער. אן אפשא־צונג וועגן דעם ביכעלע וועט קומען ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

**א גאסט**

דוד איידעלסבערג, מיטארבעטער פון ניוארקער «מארגן זשורנאל» איז איצט צו גאסט מיט זיין פרוי אין א״י. פריינט איידלסבערג פארט ארום איבערן לאנד כדי זיך צו באקענען מיט דעם היגן לעבן און וועט זיך טיילן מיט זיינע איינדריקען מיט די לייענער פון «מארגן זשורנאל».


פאראנטווארטלעכער (האחראי) א. צפורי

וואס ריידן וועגן דער שפראך פון דער יידישער מאסע אין א״י. מיר ווייסן פארויס ווי אזוי די ציפערן וועט מען שפעטער צעלייגן אויף טעלערלעך און שרייען: זעט ווי א״י איז העברייאיש!

מיר קענען אויך ניט פארויס זאגן ווי אזוי עס וועלן ענטפערן די צענדליקער טויזנטער יידן פון א״י, וואס לעבן און אטעמען אין יידיש, די יידן — וואס ווייסן ניט פון קיין שום חכמות אדער שאוויניסטיש־העברייאיסטישע דעמאנסטראציעס, די יידן וואס רופן אן יידיש „זשארגאן״ לתומם—אומבאוואוסטזיניק.

מיר וואלטן אין דער אמתן געדארפט אויפוויקלען צווישן די אלע א ברייטע קאמפאניע פאר דאס רעכט פון יידישן ווארט אין א״י — מיר וואלטן דארפן אויפקלערן אלע טייל פון דער ארבעטערשאפט, וואס האבן געוויזן, אז אפילו מיט בלוט און פאגראמען, וועט מען דאס יידיש לשון פון זייער מויל ניט ארויסרייסן, מיר וואלטן דארפן מאבליזירן אלע יידיש־ריידער, ד. ה. מער ווי 50 פראצענט פון יידישן ישוב אין א״י — און אין צוזאמענהאנג מיט דער שפראכן פראגע ביי דער פאלקס ציילונג — אויפהויבן א ברייטע קאמפאניע פאר די רעכט פון יידישן ווארט פריער אין דאס יידישע א״י, — נאכער אין דאס איינגלשע.

מיר ווייסן נאך אפילו ניט ווי אזוי די שפראכן פראגע אין דער אנקעטע איז פארמולירט, ווייל פון דער פראקטיק ווייסן מיר א פאקט אז בעת די הסתדרות האט געציילט די ארבעטער אין א״י, האט זי אין דער אנקעטע ניט געפרעגט וועלכע שפראך דער מענטש רעדט — נייערט צי דער מענטש קען העברייאיש... פון קענען ביז ריידן איז א היפשער מהלך!

ווי ס׳זאל ניט זיין וואלטן מיר דארפן איצט זייער זייער פיל טאן אויף דעם געביט—ליידער— — — איז די צייט זייער קורץ, דער טעראר און עקאנאמישער חרם אויף די עפנטלעכע קעמפער פארן יידישן ווארט איז גרויס, די שטימונג דערצו איז צוליב ריין אביעקטיווע סיבות ניט צוגעגרייט, ווילן מיר זיך גארניט איינריידן, מיר ווילן נאר אויפפאדערן אלע די וואס יידיש איז זייער מוטער שפראך, אומדערשראקן, און מוטיק, קלאר ענטפערן אין די אנקעטעס:

י י ד י ש, י י ד י ש א י ז א ו נ ד ז ע ר מ ו ט ע ר־ ש פ ר א ך א י ן א ר ץ־ י ש ר א ל!



י. צ. שארגעל / חיפה

# אויף גאסן פון דער וועלט

כ׳וועל אין נייע היימען קיין רו שוין מער נישט זוכן —
כ׳בין אין וואגלעניש געוואקסן און אויסגעוועןן וואו אן ארט,
א, ברידער מיינע, איר וואס טראגט די נויט מיר אנטקעגן
מיט אייער יעדן גרינעם בליק, מיט יעדן טונקעלן פארנייג,
נעמט מיך אויף אין אייערע ארעמע טראנשייען
און לאזט מיך מיטזינגען מיט אייער כאר.

כ׳האב אויף טויזנטער גאסן פון דער וועלט
אראפגעציילט פון הויכע ראטהויז־גלאקן דעם «צוועלף» פון חצות,
דערקענט דעם חורבן־אנזאג אין יעדן נישט געזעענעם אות.
— האט מיך באגעגענט אויף אלע וועגן, אויף שטעגן, נע ונד
טראג איך אומרו וועלט אנטקעגן און פויסטן פולע מיט רויעם האס.

האט עמעץ אויסגעשחטן אלע שטעט, אלע לענדער
אנגעצונדן שריפות איבער וועלדער און פעלדער,
װוליטשען זיך עלנטע קינדער אין הייסן, זודיקן בלוט,
שרייט די נויט, פארגייט אין צער פון קראנקע בליקן
און הענט שטרעקן זיך אויס, בלאנדזשען איבער גאסן,
איבער בריקן...

כ׳וועל אין נייע היימען קיין רו שוין מער נישט האבן. —
ס׳טאנצן איצט אומעטום ארבעטסלאזע טאטעס לויה־טענץ, שטומע,
און באוויינען געוועזענע טעג אין טויבן א כראכלענדיקן הו־הא,
קלאגן קראנקע מאמעס און גייען אויס אין אייגן געוויין
און געלע הונגער־פלעקן שמייכלען קרענקלעך אין בלאסן שיין.
פאלן קופעס הענט און פיס, דרעמלען הפקרדיק אזוי איין,
פארגייט אין צער פארנאכטנגאלד און טונקלט זיך, און גרויט,
דראט דער וועלט און שטערט איר רו הונגערדיק מיליאנען־קול:
ברויט! ברויט! ברויט!

אברהם בליי / תל אביב

# א פלאן פארן יידישן בוך

עס איז ניט מער קיין סוד, אז דאס יידישע בוך האט, צוליב דעם אלגעמיינעם קריזיס וואס הערשט אויף דער וועלט, אויפגעהערט צו זיין א געשעפט פארן פארלעגער. די אלגעמיינע לאגע האט געבראכט דערצו, אז פארלעגער שלאגן פאר די מחברים ניט נאר זיי זאלן שענקען זיי זייער ארבעט, נאר אויך באטייליקן זיך אין די הוצאות פון דער אויסגאבע. עס איז שוין אויך מער קיין סוד נישט, אז די מערסטע ביכער וואס ערשיינען די לעצטע עטלעכע יאר ווערן ארויסגעגעבן פון די מחברים אליין אונטער א פערשטעלטן נאמען פון א פארלאג. און דער מחבר ניט האבנדיק קיין נסיון פון איין זייט און צייט פון דער צווייטער זייט קאן זיך ניט אפגעבן מיט דער פארשפרייטונג פון זיין בוך, אזוי ארום בלייבט דער בוך, ארויסגעגעבן דורכן מחבר, ליגן אויף די פאליצעס. די איינציקע עקזמפליארן וואס ווערן פארשפרייט דאס זיינען די מתנות וואס דער מחבר צעטיילט זיינע קאלעגן און נאנטע חברים. דאס האט געשאפן אזא לאגע, אז ניט נאר קריגט דער שרייבער ניט קיין האנאראר פאר זיין ארבעט, ניט נאר פארלירט ער נאך זיין געלט וואס ער האט אריינגעלייגט אין זיין בוך, נאר ער פארלירט אויך די מעגלעכקייט פון ווען עס איז פארקויפן זיין ארבעט צו א פארלעגער, ווייל לאמיר זיין אפן: ניטא ביי אונז דער אידעאלער פארלעגער וועלכער זאל אין זינען האבן דאס יידישע בוך, וועלכער זאל עס צערטלען און פלעגן, עס איז דא א פארלעגער א געשעפטס־מאן, פאר וועמען א בוך איז ניט מער ווי אן ארטיקל וואס דארף געבן פרנסה. קוים האט א מחבר ארויסגעגעבן זיינס א בוך אויף אייגענע קאסטן, וועט ער שוין אין בעסטן פאל דעם צווייטן מאל מוזן באטייליקן זיך לכל הפחות מיט א טייל פון די אויסגאבן ביים פארלעגער, שוין אפגערעדט פון שכר סופרים און איז אים, דעם פארלעגער באוואוסט, אז דאס ערשטע בוך וואס דער מחבר האט ארויסגעגעבן אויף אייגענע קאסטן ליגט נאך ערגיץ אויף פאליצעס אדער ביי אים אין קעלער אין קעסטלאך פארפאקט, מעג דאס בוך זיין פון גרעסטן ווערט, וועט שוין דער פארלעגער טענהן, אז ער קען ניט אריינלייגן קיין געלט אין זיינס א בוך, ווייל עס איז ניט קיין „פארקויפער".

ביי די אומות העולם, דארט וואו דער לייענער ציילט צענדליקער טויזנט, דארטן איז עס א געזונטע דערשיינונג וואס דער פארלעגער איז א געשעפטס־מאן (הגם מ׳קאן אנווייזן ביי יעדן פאלק איינצעלנע פארלעגער אידעאליסטן, וועלכע רעכענען זיך ניט אפילו צו דערלייגן געלט, נאר דאס בוך וואס גפעלט זיי זאל דאך ערשיינען) אבער ביי אונדז—



מיר מוזן האבן פארלעגער אידעאליסטן, מענשן וועלכע זאלן זיין ביכולת צו פלעגן און ערמוטיקן דאס יידישע ווארט. זענען זיי ניטא – מוזן מיר אליין נעמען דעם ענין אין אייגענע הענט און אויב שוין יא זיין פארלעגער פון אייגענע ביכער, זאל עס געמאכט ווערן מיט טעם, גוט ארגאניזירט, גוט פארשפרייט און מיט די מינימאלסטע אויסגאבן.

עס לאזט זיך זייער פיל רעדן וועגן דעם, נאר איך האב בלויז אנגערירט די פראגע, כדי צו קענען פארלייגן מיין פלאן לויט וועלכן דאס ארויסגעבן פון יידישע ביכער איז דאך מעגלעך:

## ארגאניזאציע

1) עס ווערט געגרינדעט אן אייגענער פארלאג אויף קאאפעראטיווע יסודות, אין וועלכן עס באטייליקן זיך יידישע שרייבער (פון אלע צווייגן אין דער ליטעראטור) פון אלע לענדער: אמעריקע, פוילן, ליטע, ארגענטינע, ארץ־ישראל, דייטשלאנד, בעלגיע א.א.וו.

2) דער צענטער פון פארלאג געפינט זיך אין איינעם פון די פאלגנדע דריי שטעט: ניוארק, ווארשע אדער תל־אביב (די לעצטע הגם ניט קיין יידישער צענטער, אבער א וויכטיקער פונקט אפילו ווען עס איז דעמאנסטראציע, עס האט אבער נאך א פליוס וואס ארויסגעבן דא קאסט מיט 50 פראצענט ביליגער ווי אין ניו־יארק).

3) יעדער מיטגליד פון פארלאג טראגט אריין אין דער קאסע 1 פונט, (5 דאלאר).

4) יעדער מיטגליד פון פארלאג צאלט חודשלאכן אפצאל פון 2 דאלאר.

5) יעדער איינער, וועלכער האט ניט איינגעצאלט זיין חודשלעכן אפצאל, פאלט ארויס דעם חודש פון גורל (זע וועגן גורל ווייטער).

6) דער וואס האט 3 חדשים דורכאנאנד ניט איינגעצאלט פאלט אינגאנצן ארויס פון גורל, (סיידן די סיבה איז א גענוגנדע ווי קראנקהייט, אומגליק א.א.וו. און די פארוואלטונג האט ס׳רעכט אנדערש צו באשטימען) און די פארוואלטונג האט ס׳רעכט ארייננצונעמען אן אנדערן חבר אויף זיין פלאץ, נאכדעם ווי ער צאלט איין די סומע וועלכע אלע האבן שוין איינגעצאלט—ווען ניט קריגט דער ארויסגעפאלענער זיין געלט צוריק נאכן יאר ווען דער באלאנס וועט עס דערלויבן.

7) יעדעס יאר ווערט געמאכט א יערלעכער באלאנס און די פראפיטן ווערן איינגעטיילט צווישן די חברים פון קאאפעראטיוו.

8) דאס זיין א חבר אין קאאפעראטיוו פארשטעלט ניט דעם וועג יעדן חבר באזונדער אויך ארויסצוגעבן זיינע ביכער אין אנדערע פארלאגן אדער אויף אייגענע קאסטן, אויב די ביכער זיינען ניט פון די וואס באלאנגען צום קאאפעראטיוו.

9) פרינציפיעלע און ווירטשאפטלעכע פראגן ווערן באשטימט לויט א מערהייט.

10) דער פארלאג הויבט אן צו פונקציאנירן נאכדעם ווי די ערשטע 50

חברים האבן איינגעצאלט זייער איינטריטגעלט און באצאלט פאר די ערשטע 3 חדשים.

11) עס ווערט פאראויסגעזען, אז די צאל חברים פון קאאפעראטיוו זאל זיין 100.

12) דער פארלאג ווערט רעגיסטרירט אין דעם לאנד וואו די צענטראלע געפינט זיך, לויט די געזעצן פון לאנד.

13) די פארוואלטונג האט דאס רעכט צוריקצווייזן די קאנדידאטור פון א חבר, ניט דארפנדיק אנצוגעבן קיינע סיבות.

14) עס איז פארשטענדליך, אז דאס געהעריקייט צום פארלאג בינדט ניט קיין מיטגליד צו דער אבשאצונג פון בוך סיי מינדליך און סיי שריפטליך.

## גורל

15) יעדער חבר דארף זיין מאנוסקריפט פון בוך וואס ער וויל ארויסגעבן אין פארלאג, צושטעלן צוערשט דער רעדאקציע פון זיין לאנד וועלכע וועט עס צושטעלן דער צענטראלער פארוואלטונג.

16) יעדן חודש קומט פאר א גורל (נאר פון די מאנוסקריפטן) וועלכע געפינען זיך בפועל ממש אין די הענט פון דער צענטראלער פארוואלטונג) דורך וועלכן עס ווערט באשטימט וועלכעס לאנד עס האט געווינען.

17) יעדעס לאנד מאכט דאס זעלבע ביי זיך און עס ווערט דאן באשטימט וועלכער שרייבער האט געווינען און זיין בוך דערשיינט.



18) א לאנד וואס האט ווייניקער פון 10 חברים מוז זיך מצרף זיין צו אנאנדער לאנד.

19) לויט די פינאנסן ווערט באשטימט וויפל ביכער עס דערשיינען יעדן חודש, אויף יעדן בוך א באזונדערער גורל.

20) דאס לאנד וואס האט זוכה געווען אין גורל גיט איבער טעלעגראפיש דער צענטראלע ניט שפעטער ווי אין 10 טעג דעם נאמען פון מחבר און בוך וואס האט געווינען.

21] דער געווינער הערט ניט אויף צו צאלן זיין חודשלעכן אפצאל, הגם ער פאלט ארויס פון גורל, כל זמן עס זענען נאך דא חברים, וועלכע האבן נאך איין מאל ניט געווינען. ער צאלט אבער זיין אפצאל דורכן פארלאג פון די הכנסות פון זיין בוך.

## רעדאקציע

22) חברים אין יעדער לאנד קלייבן אויס א רעדאקציע פון דריי, בעלעטריסט, דיכטער און עסעיסט.

23) די צענטראלע פארוואלטונג ווערט באשטימט לויט א מערהייט שטימען פון אלע חברים אין אלע לענדער.

24) אלע מאנוסקריפטן ווערן פון די לאנדס־רעדאקציעס אפגעשיקט אין דער צענטראלע, דארטן וואו די ביכער ווערן געדרוקט.

25) די רעדאקציע פון יעדן לאנד האט ס׳רעכט צוריקצווייזן א מאנוסקריפט.

26) די צענטראלע פארעפענט־



לעכט א רשימה פון די ביכער, וועלכע דארפן אין משך פון דער צייט ערשיינען.

27) די צענטראלע גיט אויך ארויס א ספעציעלן בולעטין.

28) די צענטראלע האט אויך דאס רעכט מיט דער צושטימונג פון דער אדמיניסטראציע ארויסצוגעבן א חודשזשורנאל אין וועלכן עס באטייליקן זיך בלויז די חברים פון קאאפעראטיוו.

## אדמיניסטראציע

29) אינם צענטער ווערט געשאפן די צענטראלע אדמיניסטראציע, וועלכע באשטייט פון 5 חברים. צווישן זיי אויך 2 פון דער רעדאקציע.

30) די אדמיניסטראציע זוכט מיט אלע מיטלען צו פערבונדן זיך מיט איין מענשן אין יעדער שטאט און שטעטל פון יידישן ישוב אין דער וועלט.

31) פארמאט און אויסזען פון די ביכער איז אן איינהייטלעכער.

32) פרייז פון די ביכער דארף זיין ניט מער ווי 1 דאלאר פראזע און ניט ווייניקער ווי 50 סענט דיכטונג.

33) די אדמיניסטראציע באשטימט לויט אירע אויסרעכנונגען וויפל דרוקבויגן עס האלטן ביידע מינים ביכער.

34) פרייע עקזעמפליארן ווערן געשיקט אין א באגרענעצטער צאל. רעדאקציעס וועלכע וועלן פארלאנגען דאס בוך וועלן קענען באקומען אן הנחה פון 50 פראצענט און דאס איז ניט מער ווי איין עקזעמפליאר.

35) דער שרייבער פון בוך קריגט



25 פרייע עקזעפליארן, וועלכע זיינען ניט צום פארקויפן, נאך 25 קריגט ער מיט דער הנחה פון 50 פראצענט.

36) דער שרייבער וועמענס בוך ערשיינט קריגט פון פארלאג 15 פראצ. פון פארקויף ברוטא.

37) נאכן פארקויף פון דער אויפלאגע ווערט געמאכט דער חשבון פון בוך און דער מחבר קריגט 50 פראצ. פון פארדינסט נעטא. דאס איבריקע בלייבט אין פארלאג פאר ווייטערדיקער ארבעט.

38) פון א צווייטער און ווייטערדיקע אויפלאגע קריגט דער מחבר 60 פראצ. פון נעטא.

39) דאס רעכט פון איבערזעצונגען, דראמאטיזירונגען געפינט זיך אין רשות פון פארלאג לויט די אויבנדערמאנטע פרינציפן.

40) אן ערשטע אויפלאגע איז 2000 עקזעמפליארן.

41) קיינע ביכער ווערן ניט געגעבן אין די בוכהאנדלונגען אויף קאמיסיאן נאר פארקויפט פאר מזומן מיט דעם נויטיקן ראבאט וואס די אדמיניסטראציע וועט באשטימען.

42) אויב יעדע שטאט און שטעטל וועט קויפן ניט מער ווי 2 עקזעמפליארן איז די אויפלאגע געזיכערט (ביי אגוטער ארגאניזאציע איז דאס מעגלעך).

43) די אדמיניסטראציע האט דאס רעכט ארייננצונעמען אויפן לאגער ביכער פון אנדערע פארלעגער מיטן נויטיקן ראבאט פארן פארקויף.

44) די צענטראלע אדמיניסטראציע פארבינדט זיך מיט דער לאקאלער אדמיניסטראציע פון יעדן לאנד, וועלכע זוכט צו גרייכן יעדע שטאט און שטעטל.

איך האב בלויז אנגעווארפן פונקטן ניט לויטן סדר. פארשטייט זיך מ'קען בייטן צוגעבן און פארברייטערן דעם פלאן. דער עיקר איז צוטרעטן צו דער פערווירקלעכונג.

---

תל־אביב, סעפטעמבער 1931

ד"ר ב. שטילמאן / תל אביב

## דער גוי איז טריף, אבער דער גראשן איז כשר

פאר די לעצטע פאר יאר, איז געשאפן געווארן א ענגערע פארבינדונג, צווישן אונדזער יידישן ארבעטער ישוב און א טייל פון דער ארגאניזירטער יידישער ארבעטער באוועגונג פון אמעריקע אין קאנאדע, יאר איין, יאר אויס קומען משולחים מהכא להתם, כדי צו קריגן תמיכה פאר די היגע יידישע ארבעטער אינסטיטוציעס און לעצטנס אויך פארקערט, עס קומען שליחים פון דארטן כדי צו זען, וואס עס ווערט מיט דער תמיכה געטאן און אין איין וועגס, זיך אנשעפן מיט באגייסטערונג.

די משולחים האבן אויך אין זייערע אויפגאבן, איבערצוגעבן גרוסן, באריכטן און בכלל זיך טיילן מיט די ידיעות און ערפארונגען.

פארשטייט זיך, אז אט די גרוסן אדער באריכטן זיינען ניט, און קאנען אפשר ניט זיין הונדערט פראצענט אביעקטיוו, דער באריכט אפגעבער דארף דאך שטענדיק אינזינען האבען דעם ערפאלג פון די פאנדן, וואס ער דארף העלפן צונויפצוזאמלען. די דארטיקע שליחים וואס קומען זען דעם היגן יידישן ארבעטער ישוב, אדער וואס קומען זען, וואס ס'איז מיט די געזאמעלטע געלטער דא געשאפן געווארן, דארפן באם איבערגעבן זייערע גרוסן און באריכטן אינזינען האבן, אז זייערע ווערטער דארפן וועקן און מונטערן, דארפן שאפן א באגייסטערטע שטימונג צווישן דעם געבער־עולם. עס זאל מעגלעך זיין פארצוזעצן די זאמלונגען און אפשר, אויך אמאל איינעמען נשמות, וואס זאלן גרייט זיין אליין צו קומען און העלפן בויען דעם ישוב; די היגע משולחים וואס קערן זיך אום פון דארטן א הער דארפן טאקע איבערגעבן, דעם יידישן ארבעטער עולם, ניט נאר פון די ערפאלגן ארום די געלט זאמלונגען נאר אויך פון די ערפאלגן אין דעם מענשן מאטעריאל, צווישן וועלכע קרייזן זיינען די זאמלונגען דורכגעפירט געווארן און ווי ווערט דארטן, אונדזער ארבעט פארשטאנען.

אגב, איז אן און פאר זיך, זייער אינטערעסאנט פאר דער היגער יידישער



ארבעטערשאפט צו וויסן, וואס דער נייער מין קבוץ פון די יידן אין אמעריקע שטעלט מיט זיך פאר. עס איז דאך פארט א יידישער קבוץ פון העכער פיר מיליאן נפשות, העכער צוויי מיליאן אין איין שטאט, א קבוץ וואס איז אויפגעבויט געווארן מיט אזא אימפעט און וועלכער האט צו זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער קולטור וועלט, איינע פון די זיבן וואונדער פון דער וועלט.

און ווען עס קומט אזא סארט משולח פון אמעריקע, וואלט ער באדארפט און געקאנט באריכטן:

א. אז דארטן געפינט זיך אזא שטארקע און איינפלוסרייכע יידישע פראפעסיאנעלע באוועגונג, מיט כח אין אנזען אין גאנצן לאנד, סיי צווישן אייגענע און סיי צווישן פרעמדע. וואס פארמאגט שוין אויך קאאפעראטיווע וווינונגען און באנקען.

ב. אז דארטן געפינען זיך די גרעסטע און אינטערעסאנטסטע יידישע ארבעטער ארדנס. דער ארבעטער רינג למשל, וואס האט אכצן טויזנט מיטגלידער איז פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד און האט ארום זעכציק ארבעטער היימען (אייגענע געביידעס), א פראכטפולן סאניטאריום פאר שווינדזיכטיקע, א צענדליק קינדער־קאלאניעס, ארום הונדערט קינדער שולן און נאך און נאך.

ג. אז דארטן געפינט זיך א גוט ענטוויקלטע יידישע פרעסע, מיט א טיראזש פון א האלבן מיליאן און אז די ווארט זאגער פון דער פרעסע זיינען אזעלכע אינטעלעקטועלע כוחות, ווי א דר. זשיטלאווסקי, ווי א ש. ניגער, לייוויק ווי א צביון. רעוואוצקי רייזען, לעסין, אלגין און פיל אנדערע.

ד. אז דארטן געפינט זיך ארייע פארשיידענע יידישע לערן אינסטיטוציעס און אפילו די יידיש וועלטלעכע שול באוועגונג, וואס איז אינגאנצן אלט אנדערטהאלבן צענדליק יאר, פארמאגט שוין העכער צוויי הונדערט עלעמענטאר שולן, מיטל שולן, סעמינאר, קינדער קאלאניעס, כארן, ארקעסטערן און ביבליאטעקן וואו עס ווערן דערצויגן ארום צוואנציק טויזנט קינדער פון יידישע ארבעטער.

ה. אז דארטן געפינען זיך א צענדליק גרעסערע און קלענערע יידישע ביכער פארלאגן, וואס האבן ביז איצט ארויסגעגעבן הונדערטער ביכער אריגענעלע און איבערזעצטע (פרץ, שלום עליכם, מענדעלע, אש, רייזין, לייוויק, אפאטאשו מאני לייב, בראנדעס, מארקס, קראפאטקין דארווין און פיל, פיל אנדערע).

ו. אז דארטן געפינען זיך די מאדערנסטע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, ווי שפיטאלן, הכנסת אורחימס מושב זקנימס, סאניטאריומס און אזוי ווייטער.

אט דאס, מיינע פריינט, וואלטן די היגע משולחים געקאנט און באדארפט איבערגעבן דעם היגן יידישן ארבעטער עולם. דא ווענדעט זיך אבער, ווער דער משולח איז, פון וואס פאר א טויג

ער איז געקנאטן געווארן, וואס ער וויל זען און וואס ער האט געזען.

עס דערמאנט זיך מיר אן עפיזאד פון נאך די מלחמה יארן: אין א געוויסן פאריין אין ניו־יארק האבן צוויי געוועזענע לעגיאנערן אפגעגעבן באריכטן פון ארץ־ישראלדיקן מלחמה פראנט. באריכטעט איינער: דאס גאנצע לאנד איז באפעלקערט, ניטא קיין ליידיקער ווינקל, אומעטום האב איך געזען ענגע דערפער און שטעטלעך און מענטשן כחול הים. באריכטעט דער צווייטער; דאס גאנצע לאנד איז ליידיק, אומעטום ליידיקער, פוסטער באדן, קיינע ישובים ניטא, דא, אדער דארטן שלעפט זיך ארום עפעס א בעדואינער שבט מיט זיין ארימע סטאדע.

איז גיי, קריך ארויס פון אזעלכע צוויי פארשיידנארטיקע קעגנזעצטע באריכטן און ביידע זיינען גאנץ ערנסטע און פאראנטווארטלעכע מענטשן. ביז איינער איז געפאלן אויף אן המצאה און האט זיי ביידען גענומען אויף א קרייץ פארהער און אויסגעלאזט האט זיך, אז איינער האט געוואנדערט אין דער מדבר און דער צווייטער אין אמת געדיכטן ישוב פון לאנד.

אט דאס קאן זיין איז אויך אפט דער מזל מיט אונדזערע משולחים און באריכט־אפגעבער, מיט איין אויסנאם, וואס גראד דא «וואנדערן כמעט אלע אין דער מדבר».

און דער אינטערעסאנטסטער פון אט דעם סארט מדבר־משולחים, איז אן ספק די נאר וואס צוריקגעקומענע משולחטע, חנה טשיזיק.

פון ערגעץ א קבוצה אין יהודה איז נעבעך אונזער חנה אריינגעפאלן אין דער גרויסער, אינטערעסאנטער און פארשיידנארטיקער ניו־יארק און פון דארטן איבערן גאנצן לאנד, האט עס איר נעבעך אנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן און פארטומלט דעם מח, האט זי דארטן געזען בלויז פשוטע און מגושמדיקע יידן, יידן וואס ווייסן נאר פון «ביזנעס», קיין שום סימפאטיע צו א״י, צו יידישע קולטור און בכלל צו וועלכן עס איז «איזם». אלעס האט זי געזען אין א מצב פון גסיסה, פון אונטערגאנג, זאגט חברה, רבנן קדיש אויפן אמעריקאנער יידישן קבוץ, חנה טשיזיק וואס קומט פון א קבוצה אין יהודה האט עס אליין געזען.

און חנה פוילט זיך ניט, זי האלט ניט אט די געוואלדיק, אינטערעסאנטע ידיעות אין אפשאצונגען פון אמעריקאנער יידישן ישוב בלויז פאר זיך, זי טיילט זיך מיט אירע ידיעות, מיט איר וויסן און פערזענלעכע ערפארונג, זי האלט רעפעראטן איבערן לאנד, דערציילט וואס זי האט געזען אין אמעריקע און געזען האט חנה שוין די אלול בלעטער צווישן די פיר מיליאן יידן פון אמעריקע.

וועט איר דאך פרעגן אויב יא אזוי פאר וואס זאלן מיר זיך גאר ווענדן נאך תמיכה צו אזעלכע סארט יידן. וואס זיינען קיין יידן ניט, וואס האבן ניט קיינע סימפאטיעס צו א״י




יעקב שטאל / שכונת בוראכאוו

## לאמיר אוועקגיין פון זיי

שוועסטערל מיינע,
לאמיר אוועקגיין פון זיי.
עס יאגט א בראנד אין זייער ראד,
טרוקן בלוט איז זייער גאט.
עס האט זיך דער טויט אין זיי באזעצט
האלטן זיי עס מיטן לעבן איין,
הונטער זייערע פיס האט א קינד
געצאפלט
א טרונק געבעטן, —
האבן זיי עס צוטראטן

דאס שווארצאפל פונם אויג ארויסגעטראטן.
זייערע הערצער:
מיט גאסן־שטויב געמישט,
און די צינג צווישן ציין פארהייליקט.
זייערע פינגער־נעגל:
מיט פרעמדן בלוט געפארבט,
זייערע פיס:
איבערן טויטן קינד געשפרייזט.
שוועסטערל מיינע,
לאמיר אוועקגיין פון זיי!..

מ. מ. מאבנעזאר / רחובות

## שעה נאך שעה רינט אויס

שעה נאך שעה רינט אויס מיין געגארטע, מיין געהאפטע וואך,
ווי טייער אפגעהיטער ווייך פון א געפלאצטער פאס,
וואס רינט אין טרוקן זאמד און מאכט דעם זאמד ניט נאס,
רינט אויס מיין געהאפטע, מיין געגארטע וואך שעה נאך שעה.

מיט יעדער רגע, וואס פארזינקט אין פוסטן מדבר־צייט
ווערט אלץ שווערער צו פארשטיין פון לעבן דעם באטייט;
ווערט שווערער אלץ די לאסט, וואס גאט האט אונז געגעבן,
און טרוקענער און וויסטער די סאהארא זאמדן פון מיין לעבן.

שעה נאך שעה רינט אויס מיין געגארטע, מיין געהאפטע וואך
און פארזינקט אין דעם אפגרונט פון אייביקייט דעם שווארצן.
און מיט יעדער רגע פון דער שעה טריפט ביי מיר פון הארצן
א פייערדיקער, רויטער, שווערער טראפן בלוט
פון די לעצטע פייערדיקע שווערע טראפנס בלוט
אנגעזאפט מיט בייגקשאפט און ווייטאקדיקער גלוט.

---

צום יידישן לעבן בכלל? פארוואס? איז אפשר דער תירוץ אז דער גוי איז טאקע טריף, נאר דער גראשן איז כשר!

אהרן קאווע / חיפה

# אין רעגן צייט

נאקעט און ווייס מיט אויסגעקרומטע שטאמען, ווי זיי וואלטן געקניעט מיט צעשפרייטע אויסגעדארטע צווייגן, האבן די פייגנביימער געטונקעלט אונטערן וואלקענדיקן הימל. דער בארג איז העכער געווארן. א מענטש זאל אויבן שטייען מיט אויפגעהויבענע הענט, וואלט ער דעם הימל געגרייכט, א פייכטער ווינט האט געבלאזן די ווייטע ים־פלאכע. האט אומרויק געפלאטערט ווי אין א מלחמה מיט וועמען. געבראכן מיט שטיקער שוים. דער רעגן האט גענומען פאלן מיט קראפט, מיט בליץ און דינער וואס האט אין האלבער נאכט הילכיק איבער דעכער זיך געבראכען. אינדערפרי איז שטילער געווארן. דער הימל איז געבליבן פארדעקט מיט פארבלאזע כמארעס פארטונקלענדיק די דורכגעווייקטע הייזער, ווי איבער נאכט אויסגעוואקסענע. נאך א גאנצע נאכט זיין אויפן רעגן האבן די וואלקנס פויל זיך געצויגן, אויסגעקנאקט דורך ווייטע, טעמפע דונערן זייערע צוגעלייגענע גלידער און ס׳האט נאך געטריפט א רעגנדל וואס מען געדענקט נישט ווען ס׳האט זיך אנגעהויבן, און זען זעט מען עס בלויז קעגן א געעפנטער טיר.

אויף א דאך פון א נישט פארענדיקטער געביידע זענען געשטאנען צוויי ארבעטער און געקוקט אויף קעץ וואס האבן אויפן הויף זיך געיאגט. געוואלט זיך פארן און אלע מאל איז צו זיי פונעם דאך אראפגעפלויגן א שטיין.

— איך הייב מיך אויף און גיי גאר אהיים.

— אט גייט דער אלטער ראובן אויך. נאר עפעס גייט ער מיר צו פאמעלעך, די קרענק האט אים ווייזט אויס אוועקגעלייגט.

מיט א וואקלענדיקן גאנג האט אויפן נאסן כביש זיך דערנענטערט די פיגור פון אלטן ארבעטער. פון דער פריער יוגנט געוואוינט צו ארבעט האט ער אפילו אין די עלטערע יארן, ווען ער איז אין לאנד אריין געקומען געקענט די שווערסטע ארבעט טאן. ארום בויך האט ער ארומגעוויקלט א לאנגן רויט טוך — «דער בויך דארף זיין באווארנט» — דעם פארזאג האט ער איבערגענומען נאך פון זיין טאטן. א ייד א גברן, א פערד־הענדלער וואס האט אין יוגנט דאס ווילדסטע פערד געקענט צוימען, געבנדיק מיט דער בלויזער האנט א פאטש אויפן רוקן האט ס׳פערד צו דער ערד זיך געזעצט. דאס רויטע טוך האט אים צוגעגעבן גבורה און ער האט געחוזקט פון די חלוצים: «רעד מיט זיי קענען זיי וועלטן איינלייגן, און זאל עס זיך נעמען צו א שווער



שטיקל ארבעט באגיסט עס זיך מיט טייכן שווייס. טאקע פון זיי שטאמט דאס ווערטל «ארץ זבת שווייס». ווען ער איז אריין אין די זעכציקער האט אין אים זיך עפעס א וואקל געטאן. נאך א שווערן טאג ארבעט איז ער אוועקגעפאלן אויפן בעט מיט צעשפרייטע הענט און פיס, געקרעכצט פון מידקייט און נישט געקענט איינשלאפן. שפעט אויפגעשטאנען. מיט פלייס זיך צוגעכאפט צו דער ארבעט צו פארגיטיקן דאס פארשפעטיקן. ווען דער הייס אומרויקער פרימארגן פלעגט זיך אויסמישן מיט א ים־ווינט און זיך איבערן שטאט א לאז געטון, כדי צו דערמאנען אז ס׳איז נאענט צו מיטאג,—ערשט דעמאלט האט ער זיך אפגעקילט. די פלוצימדיקע שוואכקייט האט אים א ביסל באאומרויקט נאר גלייבנדיק, אז ס׳איז א פאריבערגייענדיקע אפשוואכונג האט ער דערויף קיין גרויס אכט נישט געלייגט, ביז ער איז אוועקגעפאלן אויף א שווערע מאגן־קרענק, אפגעלעגן מער ווי א חודש און ארויסגייענדיק פון שפיטאל האט ער דערפילט, אז ער איז אלט געווארן, די גאס האט אים אויסגעזען פרעמד, נישט געוואלט אים מער אויפנעמען ווי אלע מאל. אינדערהיים האט ער זיך אנגעשפיגלט, זיך דערזען גרויער ווי פריער, אויף די באקן האט געבליט א קרענקלעכע רויטקייט דורכגעוועבט מיט בלאלעכע פעדעמלאך, די עלטער האט געמוזט זיך באנוצן מיט עפעס א קרענק כדי איינגאנצן אים אריינצונעמען אין אירע דארע הענט. די ארבעט איז פאר אים שווער געווארן נאר די ארעמקייט חאט אים פון שטוב ארויסגעיאגט. אסך מאל האט ער געמוזט די ארבעט פארלאזן, די טיר פון דער היים איז געווען צוגעשלאסן האט ער דעם שליסל ביי א שכן גענומען, זיך געלייגט אויפן בעט, האט אים דעמאלט ארומגענומען אזא געוויינלעכע שטילקייט, קיינמאל נאך האט ער אזעלכע נישט געפילט און דערפאר טאקע האט עס אים געשראקן. ליגנדיק האט ער געזען די העכסטע צווייגן פון אן איילבירט מיט שמאלע פארשטויבטע בלעטעלעך, וואס וויגן זיך הין און הער ווי אין טרויער נאך וועמען, און די ווינטערדיקע זון באלייכט זיי מיט א לעבלעכע שיין. א פייגעלע, געיאגט פון נאך איינס, פליט אריין מיט א צווישטש, קרייזט צוויי מאל ארום די שטוב ווי קיינער וואלט נישט געווען, קלאפט זיך אן אין סופיט און פליט ארויס איבערלאזנדיק דעם יונגן פלאטער פון די פליגעלעך און דערנאך — א טיפע שטילקייט. פון דער נאענט הערט זיך צייטנווייז א שארן פון א לאפאטע, אן אפגעהאקטער רוף פון אן ארבעטער און אים דוכט זיך, אז דאס אלץ איז שוין ווייט פון אים. ער שטרעקט אויס די האנט צום טיש, נעמט דעם שפיגל און קוקט אין אים לאנג אריין. זיין ווייב עפנט די טיר. מיט א קויש אין האנט בלייבט זי שטיין דערשראקן מיט אן אפן מויל א חנעוודיקס, וואס איז מיידלווייז מסתמא געווען איר גאנצע שיינקייט און איצט

העגנט עס אומנוציק אראפ. מיט א פארשטיקט הארץ־קלאפנדיק קול גיט זי א זאג:

—זע, וואס עפעס ?!

אויך ער דערשרקט זיך, לייגט ארויס דעם שפיגל פון האנט און זוכט אויס א תירוץ, ווי אים דוכט זיך נעמט זי דעם תירוץ אן. נאר זי ווייזט אים ארויס מער געטריישאפט ווי אלעמאל. קאכט פאר אים א בעסער מיטאג און ווי אמאל אין דער קינדהייט, ווען זיין מוטער איז געקומען פון איינקויפן, מונטערט אים אויך איצט אויף דער פולער קויש.

נאך אזא טאג, אז ער כאפט ביינאכט זיך איבער און זעט ווי זיינע אויסגעשטרעקטע פיס שטארצן ארויס פון אונטערן ליילעך דערמאנט ער זיך אין טויט.

אינעם לעצטן רעגנדיקן פרימארגן האט ער זיך אויפגעכאפט מיט א מידקייט אין די קניען. ער האט געפרווט זיך שטעלן אויף די פיס און שטיל אזאג געטאן: «די פיס טראגן מיך שוין נישט». ער האט אקוק געטאן צום צווייטן בעט זען צי ס׳ווייב שלאפט נאך און מיט אמאל האט ער באמערקט, אז אויך זי האט זיך לעצטנס שטארק געעלטערט. איר פנים איז אפגעצערט, די אויגן טיף פארגראבן, די באקן אירע זענען איינגעפאלן און ביים אטעמען בלאזן זיי זיך אן און שרומפן זיך איין, דערביי הערט זיך פון אירע בלוטלאזע ליפן א שטיל פייפן גלייך זי וואלט מיט ווער א געהיימען שמועס גע־

פירט. קוקנדיק אויף איר נעמט אים אן א שטארק רחמנות צו איר. ער פילט אז איר שלעכט אויסזען האט עפעס א שייכות צו זיין אפשוואכונג און ער באשליסט אויך היינט צו גיין צו דער ארבעט. אויפן ארט פאלט אים איין א פריילעכער געדאנק: אפשר איז עס אים געקומען פון צופיל פיעשטשען זיך, פון צופיל אפגעלאזנקייט? ער דארף זיך נאר א ביסל מער צעארבעטן. ס׳זענען דאך דא מענטשן וואס ארבעטן טאקע ביז צו די זיבעציקער. ער האט שנעל זיך אנגעטאן נישט הערנדיק דעם רעגן, וואס האט פויל און אן אויפהער געקלאפט אויפן בלעכענעם דאך פון באראק, וואס אן אנדערסמאל וואלט עס פאר אים געווען א תירוץ צו בלייבן אין שטוב. נאר ער האט זיך א רגע פארטראכט און זיך פארקוקט אויף א פייגעלע, וואס איז שטיל פון אונטערן דאך־ראנד א פערגעפלויגן, א שמיר טוענדיק מיט א פליגל די נאסע שויב און אים דערמאנט די טויב פון נח׳ס תיבה וואס האט נישט געפונען קיין לאנד אונטער אירע פיס. האט ער אויך דערזען דעם רעגן און דערהערט דאס פויקן אויפן דאך, וואס: איז אים געווען א כסדרדיקע ווארנונג, «גיי נישט היינט צו דער ארבעט גיי נישט!»

מיט א טראציקן גאנג האט ער זיך געלאזט איבער די גאסן אויף וועלכע דער רעגן האט א מידן דרעמל אנגעווארפן. אויפן הויכן בארג לעבן דער שטאט איז ארומגעגאנגען אן



אפגעריסענער וואלקן, א פארבלאנדזשעטער, איבערשניידנדיק דעם בארג און שווימענדיק געביטן די פארב ווי אויפגייענדיקער רויך. דער קאפ פונעם בארג איז ווי געהאנגען אין דער לופטן אין קאלטן ווינטערדיקן שאטן. די פייגנביימער זענען געשטאנען עלנט. זיין טראציקער גאנג מיטן עקשנותדיק־אויסגעגלייכטן גוף ביז צו ווייטיק האט אנגעהאלטן נאר ביז האלב וועג.

ער האט זיך גענומען צו דער ארבעט. געשלעפט זאמד, זיך געבויגן אין דרייען, אזש די בארד האט דעם בויך באריררט. אלעמאל א וויש געטאן מיט דער פרייער האנט די גרויסע שוויס־טראפנס. אן ארבעטער האט עס באמערקט און א געשריי געטאן:

– כאלאס! געגוג אלטער, איר קענט שוין נישט ארבעטן חבר!

דער אלטער ראובן האט פון זיך דעם זאק אראפגעווארפן. אז ער האט אזש געפלאצט און אנגעהויבן אראפגיין פון דער געביידע.

— וואס איר פארלאזט טאקע די ארבעט? איך מאך נאר א חכמה און ער מיינט עס טאקע...

דאס צוריקרופן האט נאך מער געווירקט. ער האט נישט געקענט ענטפערן. מיט א פערלוירנקייט אויפן פנים איז ער ארויס אויף דער גאס, וואס האט פריילעך גערוישט מיטן אפלויפן פון וואסער. דער הימל האט זיך געלייטערט. א שיקעלדיקע זון האט אפגעגלאנצט אויף די נאסע פעלזן פון בארג, אויף די בלעטער פון ביימער און אויפגעלויכטן אויף הייזער, וואס זענען געשטאנען הויך און דראענדיק ווי גרייט ארויפצופאלן אויפן אלטן.

ג. כאדעס / ירושלים

# א דו קודלאטע וועלט!

א, דו קודלאטע וועלט!
וואס הנדלסט זיך אזוי צו מיר
מיט מיליאסן אויסגעלאסענע,
פארפירערישע אויגן פון דער נאכט?
וואס לאסטשעסט זיך אזוי פארעטעריש
מיט זוניקן גענאד פון טעג?
וואס שפרייטסטו רעדנעס פונם פרילינגדיקן בליעכץ
אונטער מיינע ווייטאקדיקע פיס
און קריינסט מיין פלאצנדיקן ווײ־קאפ
מיט פינקלדיקע פערל פונם מארגן־טוי? אומזיסט!
ווי צארט עס זאלן מיך זאלבן אנהויב חדשדיקע סערפן—
איך ווייס: דו שלייפסט זיי פאר מיין האלדז!
ווי כשופדיק עס זאלן ווינקן דיינע ווייטע האריזאנען—
איך ווייס: זיי זיינען תליות פאר מיין קאפ.
א, כ׳וועל נאך צעאקערן מיט קושן שטאלענע
דיין שווארצן שמעקעדיקן לייב
און אין די ארעמס פון שאסייען, רעלסן, בריקן
איינקלעמען דיך פון פאל ביז פאל
און, א געשמידטע אין צעמענט, בעטאן און שטאל
דיך ווארפן אונטער מיינע זיגערישע פיס,
ווי א געטרייע ווייב!

דניאל לייבל / תל־אביב

## דאס רויע גליק

אמאל — נאר אמאל און נישט מער
האב איך געריסן בלומען אין פעלד.
פארטאג איז געווען, געגליט האט א קעלט,
קוים וואס די זון האט פארלאזט איר געצעלט,
און איטלעכער בלום האט געבלוטיק א טרער,
און איטלעכער טרער האט געבלוטיקט אוועלט.

עס האט זיך געשלענגלט, געדרייט זיך דער וועג,
געפינקלט, גערייטלט, געבלאט זיך, געלאכט,
אזוי ווי א זומערדיק שלענגל, וואס שלייכט
דורך זילבערנע זאנגען אין זוניקע טעג.

און כ'האב זיך געלאזט אויפן בלומען־געיעג.

דא זענען געשטאנען אין ארעמען קלייד
און ביטערע ריחות צעווארפן, צעשפרייט,
די פוירישע בלימלעך האלב־רויטע שיר גראע,
פיאלעטע און ברוינע, קוים־געלע, טיף־בלאע,
און ווי אליין צו די פיס זיך גענייגט,
די בלעטלעך ווי הענטלעך צום בעטלען פארלייגט,
ווי איינער וואס חלש'ט: א נעם אונז און פליק,
מיר זענען דאס רויע, דאס ביטערע גליק...

# אויפן יידישן ביכער מארק אין ארץ ישראל

## נאך א ציגל

יעקב שטאל «א חתונה אין קאטרא» פארלאג «אין צוים», תל־אביב, 64 זייטן.

דאס יידישע ליטערארישע ווארט אין א״י ברעכט ווענט: «אנהייב», «אויפן שוועל פון ליכטיקן טאג», «איינס», «צווי», «צווישן צוויי און דריי», «מאי», «יוני», «דריי», «פארנאכטן» — דאס זענען די ערשטע ציגל צום בנין פון דער יידישער ליטעראטור אין א״י. איצט האט אונדז יעקב שטאל אונטערגעטראגן א ציכטיק יידיש ביכעלע: «א חתונה אין קאטרא» — נאך א ציגל צום בנין.

די «חתונה אין קאטרא» איז א פאעמע, א נייס אין דער יידישער ליטעראטור, און עכט אריגינעלע, ציכטיקע שאפונג פון דער טיפעניש פון אראבישן לעבן, א בילד וואס איז ניט געקוקט אויף זיין פאעטישער פארב־עכט, און קונצן, ניט אריבערגעכאפט די מאס, א זעלטענהייט אפילו ביי אייראפייאישע שרייבער וואס שרייבן אויף אריענטאלישע טעמען.

די «חתונה אין קאטרא» איז א שטיק קאלאריט, א צאפלדיק בילד פון אראבישן לעבן און לעבנס־שטייגער, לייענסטו די פאעמע ווייעט דיר אין פנים דער אנגעגליטער ליידנשאפטלעכער מדבר־ווינט, ס'קלינגען קאראוואנען־גלעקלעך, ס'וויינען שטילע מזרח־לידער, עס שטראלט ארויס די אפגעהיטע געשפאנטע צניעות פון דער פרימיטיוו־אראבישער דארפישער יוגנט. יעקב שטאל גיט עס איבער עכט און געזונט:

שרעקן אירע בשמים ברוסטן
«כאר דעם חתנס פרעמדע הענט (47).

יעקב שטאל ווייזט ארויס אין דער פאעמע פיל באהאוונטקייט און פיינע פארשטענדעניש פארן אראבישן לעבנס־שטייגער אין א״י. קלינגען זיינע פערזן אפילו אביסל הארבליך, ווייניק געשליפן, מיר געפינען דארטן: «געליכטיקט» (38) «געציכטיקט» (44) «שיסלען האניק זיסט די צונגען» (180) דאס זענען ווילד גראזן אין די בלומען בייטן — זיי מוזן ארויסגעריסן ווערן.

אלע פריינט פון יידישן ווארט וועלן מיט פרייד אויפנעמען דאס ציכטיקע ביכעלע.

די «חתונה אין קאטרא» איז ניט נאר א גרוס פון א״י צו דער יידישער ליטעראטור — נייערט אויך א שיינער צושטייער וואס זאגט עפעס צו...

ל. ח.

## פארנאכטן

ליובע וואסערמאן, פארנאכטן, פארלאג «אין צוים» תל־אביב, 1931.

ס'איז פריידיק אין היגן יידישן קולטור־מדבר באגריסן א פרישע דיכטערישע שפראצונג. אבער, לאמיר צוליב דעם נישט פארזען די רויקייט און נישט־רייפקייט פון דעם פיין ארויסגעגעבענעם לידער־ביכעלע. עס מערקט זיך נאך ניט אין די פאר צענדליק צענויפגעזאמעלטע לידער דאס אינדיווידועלע און ספעציפישע, וואס דארף באהוירן די קלענסטע שורה, דאס צופעליקסטע בילד פון אן אויסגעצייטיקטן קינסטלער. די אנהייבנדיקע יונגע דיכטערן זוכט נאך איר אייגענעם פאעטישן «איך» און דעריבער ביי א קליינער צאל לידער אזא שפע פון טעמעס: פייזאזש, עראטיק, קליינשטעלשער שטייגער, סאציאלער פראטעסט. דעריבער אזעלכע שארפע איבערגאנגען פון דינסטער שטימונגס־ליריק צו כמעט נאטוראליסטישע עפיק. אבער נישט נאר אין אינהאלט, אויך אין פארם פון די לידער שווינדלען פאר דער דיכטערן די פארשיידנסטע מעגלעכקייטן: עס לעבן זיך איין בשכנות איינפאכע רעאליסטישע בילדער מיט פארשארפטע אימאזשעניסטישע. גלייכצייטיק מיט א געצוימט, שטרענג־געמאסטענעם ריטם רייסט זיך דורך א פולשטענדיקע אומבאגרענעצטע פרייהייט פון שורה. די לידער זענען אלע געשאפן אין לאנד, אבער עס שוועבט איבער זיי דער רויקער מעלאנכאלישער בלויער בין־השמשות פון אלטן פארלאזענעם שטעטעלע, מיט זיינע גלעקערקלאנגען, גלחים, געוועלבלעך און נישט־ווייט געדיכטן וואלד, און דעריבער זעט די דיכטערן נאר אונזערע טעג וואס זען אויס ווי בין־השמשות און ווען זי הייבט אן מאזשארמעס'ק צו באזינגען אונדזער פילפארביקייט, זוניקייט, ברייטקייט האלט זי נישט אויס און פארענדיקט מיט אלויב־געזאנג דעם היגן, שטאטישן חצות. אממייסטן ריידן צו אונדז די עראטישע לידער, וועלכע האבן זיך אפגעראטעוועט פון שאבלאן.

ג. כ.

פ ר י י ז
אין לאנד: 10 מיל
אין אויסלאנד: 15 סענט

אדרעס פון רעדאקציע:
Verlag «In Zoim» Tel=Aviv, Palestine P. O. B. 313

דפוס «התחיה» ירושלים